תשרי תש"ע לפ"ק / שנה גימ"ל גליון ע"ז

# חסיד'ישע ספרים פאר קינדער

**האזינו/שובה**



**וועלוול שמעלצער**
סקווירא

## וואס האט דער 'חזון איש' געזען?

ערציילונג לכבוד יום כיפור

א יונגער בחור, זיבעצן יאר אלט, איז יעקב געווען, ווען ער האט פארלאזט זיין פאטער'ס הויז. ער איז אריבערגעגאנגען צו אַן אנדערן שטאט אין אונגארן, דאס לאנד וואו ער איז געבוירן געווארן, און ער האט אנגעהויבן ארבעטן ביי זיין פעטער.

נו, איז וואס? איר פרעגט א גוטע פראגע, אבער עס איז וויכטיג איר זאלט וויסן אז די מעשה גייט נאך ווייטער און מען דארף פשוט האבן אביסל געדולד. דער יונגער בחור, יעקב, האט ליידער נישט אנגעהאלטן די מסורה פון זיין פאטער, און ער איז פארשלעפט געווארן פון אידישקייט.

שפעטער איז ליידער זיין מצב געווארן פיל ערגער. די פארשאלטענע נאציס האבן איינגענומען אונגארן, און די גאנצע פארבינדונג וואס יעקב האט געהאט מיט אידישקייט, איז אפגעהאקט געווארן. ער האט אפילו פארגעסן וואס דאס איז יום כיפור. שטעלט אייך פאר.

אבער די מלחמה האט ער איבערגעלעבט, און נאך א ווייל איז ער ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל. אויך דא, אין הייליג לאנד, האט ער געלעבט א פרייע לעבן. ער האט נישט געהיטן קיין שבת, נישט געהיטן קיין יום טוב, נעבעך. דער בחור האט אפילו געארבעט אינעם נאכט פון יום כיפור.

און דאן... אין די נאכט פון יום כיפור תשי"ג האט פאסירט עפעס. נישט טראכטנדיג קיין סאך, האט יעקב אויך יענעם נאכט געארבעט, אבער דער נאכט איז אנדערש געווען ווי געווענליך, ווייל דעם נאכט האט ער געזען זיין טאטן.

וויאזוי קען עס זיין? זיין טאטע איז דאך שוין פונלאנג נפטר געווארן. דאך האט עס פאסירט. זיין טאטע איז געקומען צו אים אין חלום, אנגעטון אין א ריינעם ווייסן קיטל, איינגעהילט אין א טלית און ער האט אויסגעזען פונקט וויאזוי ער האט אויסגעזען ביים לעבן, און ער האט זיך געווענדן צו אים: "טו תשובה! קער זיך אום צו דעם וועג וואס איך האב דיר ערצויגן און מחנך געווען; אנדערש זיינע דיינע יארן קורץ!"

'א חלום איז א חלום,' האט יעקב געטראכט צו זיך, און איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין לעבן ווי גארנישט וואלט פאסירט. אבער דער חלום האט זיך איבערגע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל, פאר א גאנצע וואך.

און דאן איז אנגעקומען פרייטאג-צונאכטס. אין א שפעטע שעה איז ער אריין אין א קאפע-הויז, ער האט דארט געגעסן און געטרונקען און האט זיך אומגעקערט אהיים. ער איז דאן צוגעגאנגען צו די ראַדִיאָ און האט עס געוואלט עפענען, אבער דאן האט ער געהערט א שטימע: "אויוויי! דו זינדיגסט ווידער?!

יעקב האט זיך אויסגעדרייט און ער האט ווידער געזען זיין פאטער. און דאסמאל, לייגט צו קאפ, איז עס נישט געווען אין חלום. ער שלאפט דאך נישט! זיין טאטע איז געשטאנען דארט, איינגעהילט אינעם קיטל און טלית, און ער זאגט: "מיין נישט אז דאס איז א חלום, איך בין דיר געקומען ווארענען אז דו זאלסט תשובה טון. אין הימל איז שוין פארזיגלט געווארן פאר דיר א גזר-דין אז דו זאלסט פארלאזן די וועלט!" יעקב האט זיך דערשראקן, דאס מוז מען מודה זיין. אין יענעם שבת האט ער זיך געפירט אביסל אנדערש. ער האט נישט גערייכערט, נישט אנגעצונדן קיין ראדיא, אבער מוצאי שבת איז ער געגאנגען פארברענגען... וויאזוי האט ער געקענט? איך קען דאס גראדע נישט פארשטיין, אבער אזוי איז געווען.

און דאן, ווען ער האט זיך אומגעקערט אהיים און געעפנט די טיר, האט ער ווידער געזען זיין טאטע, וועלכע האט אים געזאגט: "טו תשובה! דאס איז דער לעצטער ווארענונג!"

דאס איז שוין געווען צופיל... זונטאג צופרי האט זיך יעקב אויפגעהויבן און איז געפארן קיין בני-ברק, צום 'חזון איש'. ער האט אים געוואלט דערציילן איבער די חלומות וואס מוטשן אים.

ער איז אריינגעגאנגען אין הויז פונעם 'חזון איש', אבער ער האט נאכנישט אנגעיאגט צו זאגן א ווארט. ער איז נאר אריין, און דער 'חזון איש' האט זיך אנגערופן צו אים: "אויוויי, דו ארבעסט ראש השנה און אויך יום כיפור! דיין טאטע האט נישט קיין מנוחה אויף יענער וועלט! עס איז נגזר געווארן אויף דיר כרת!"

דעם מעשה, זאלט איר וויסן, האט יעקב אליין דערציילט. און אזוי האט ער אראפגעגעבן ווייטער דעם באזוך מיט'ן 'חזון איש'. "ער האט געענדיגט זיינע רייד און ער איז געבליבן זיצן אויף זיין בענקל ווי ער וואלט געדרימלט, ער האט אנגעלענט זיין קאפ צווישן זיינע צוויי הענט, און איך בין געשטאנען פאר אים צומישט און דערשראקן. פון וואו ווייסט ער?!"

"ענדליך, נאך עטליכע מינוט ווארטן, האט דער 'חזון איש' געעפנט זיינע אויגן און מיר געזאגט: "אין דער זכות פון א גרויסע מצוה וואס דו האסט מקיים געווען יונגערהייט, וועט מען דיר צוגעבן פון הימל נאך יארן, אויב וועסטו פון יעצט זיך אומקערן צום גוטן וועג און זיך פירן אזיוויי דיין טאטע האט דיר מחנך געווען. צי געדענקסטו וועלכע מצוה דו האסט געטון ווען דו ביסט יונג געווען?"

יעקב האט געטראכט, און ער האט נישט געדענקט עפעס א ספעציעלע מצוה. "אפשר ווייל איך האב קיינעם נישט געטשעפעט, אדער ווייל איך האב געגעבן צדקה."

אבער דער 'חזון איש' האט געזאגט: "דאס איז נישט גענוג." און דאן האט זיך יעקב דערמאנט און דערציילט: "ווען איך בין אלט געווען פערצן יאר, איז געקומען צו אונז א פרוי און איבערגעגעבן פאר מיין טאטן אז אין א געוויסע דארף ליגט א טויטער קינד און עס איז נישטא ווער עס זאל זיך מיט אים אפגעבן און ברענגען לקבורה. מיין טאטע האט מיר געשיקט אין דאָרף, צו ברענגען דעם קינד לקבר ישראל, כאטש עס איז געווען זייער סכנות'דיג. איך האב דאן געדארפט דורכגיין א ריזיגע וואלד מיט א שרעקליכער פחד. אבער איך האב געטון דעם מצוה בשלימות."

ווען דער 'חזון איש' האט דאס געהערט, האט ער געשאקלט מיט זיין קאפ און געשוויגן.

יעקב איז ארויס פון דעם הויז אַן אנדערער מענטש. ער האט זיך פארגענומען תשובה צו טון, און אט די אונטערנעמונג - האט ער מקיים געווען.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

**התודה והברכה לתומכי הגליון בשבוע זו**

### מו"ה דוד יודא ראזנבלום שי'

**לרגל שמחת אירוסי בנו המו"מ בתוי"ש כמר יצחק ני"ו למז"ט**

הזיווג יעלה יפה וברה לקש"ק ולבנין ע"ע, ויזכה לרוות רוב נחת מכל יו"ח מתוך הרחבת הדעת

### מו"ה פינחס גאלדמינצער שי'

**לרגל שמחת אירוסי בתו עב"ג הבה"ח בנימין זאב ני"ו ב"ר יעקב איינהארן שי' למז"ט**

הזיווג יעלה יפה וברה לקש"ק ולבנין ע"ע, ויזכה לרוות רוב נחת מכל יו"ח מתוך הרחבת הדעת

**יזכה לרוות שמחות ונחת כל הימים**

# אין זכות פון תפילת מנחה

## ערציילונג איבער די גרויסקייט פון די תפילת מנחה

אין א קליינע דערפל אין פוילן, האט געלעבט א איד, וועלכער האט זיך געפירט צו געבן צדקה געלטער, אויף גאר אַן אויסערגעוויינליכן פארנעם. יעדער וואס איז אריין אין זיין הויז און האט געבעטן צדקה, איז מכובד געווארן אריינצולייגן זיין האנט אין א קאַרב פול מיט מטבעות און ארויסנעמען פון דארט א פולע הויפן. און דאס האט נישט פאסירט איינמאל אין יאר, נאר יעדן טאג.

וויאזוי קומט א איד אַן צו אזא מדריגה פון צדקה? דא האט איר זייער אַן אינטערעסאנטע ערציילונג, און איר זענט געלאדנט עס צו ליינען.

*

זונדל איז נישט אלעמאל געווען א אידישער עושר. אינעם פארגאנגענהייט איז ער געווען אַן ארעמער סוחר, וועלכער האט זיך ביטער שווער געפלאגט אויף זיין פרנסה. זיין מצב איז ליידער געווארן שווערער און שווערער, אז ער האט שוין קוים געקענט אהיימברענגען פאר זיין משפחה א רעפטל ברויט. וואס האט ר' זונדל געטון? ער איז געפארן צו זיין רבי'ן, און איר זאלט מיר מוחל זיין אז איך קען אייך נישט זאגן ווער עס איז געווען דער רבי, און ער האט אים דערציילט איבער זיין שווערע קלעם.

"עס איז כדאי פאר דיר צו ווערן א סוחר," האט דער רבי געזאגט פאר ר' זונדל.

"און מיט וואס זאל איך האנדלען?"

"זאלסט פארקויפן הוטן," האט דער רבי גע'פסק'נט, און ר' זונדל האט זיך געלאזט אין וועג אהיים.

דער רבי זאגט - און דער חסיד פאלגט. ר' זונדל וועלכער האט נישט געהאט קיין געלט, ווי איר האט שוין פריער פארשטאנען, האט געמאכט גרויסע אנשטרענגונגען, ער האט צוזאמגעקליבן יעדע פרוטה וואס האט זיך אים געמאכט, און מיט די געלט האט ער זיך איינגעהאנדלט א הוט. צוביסלעך האט ער שוין געהאט מער און מער הוטן. דאן האט ער געדונגען א וואגן און איז געפארן מיט זיינע הוטן צום מארק.

מיט א הארץ פול מיט האפענונג האט זיך ר' זונדל געשטעלט אין מארק. דער רבי האט דאך אזוי געהייסן, נו, וועט געוויס ארויסקומען דערפון א ברכה. אבער וואס קען מען טון, דערוויל גייט עס נישט. ער איז געשטאנען, זיך אומגעקוקט צו יעדע זייט, ער זעט ווי עס פירן זיך געשעפטן, געלט גייט פון איינער צום צווייטן, אנגעלאדענטע סחורות, און ער, מיט אלע זיינע הוטן, שטייט און ווארט.

דאס איז נישט קיין אנגענעמע געפיל, נישטא וואס צו רעדן. די צייט איז אריבער, ביז עס איז געקומען דער זמן מנחה. 'וואס טוט מען מיט מנחה?' האט ר' זונדל זיך געוואונדערט. צופרי איז ער זיכער געווען אז ביז מנחה וועט ער האבן פארקויפט אלע זיינע הוטן... אבער עס איז שוין אנגעקומען דער זמן מנחה, די הוטן האבן זיך נאך געפונען ביי אים, אבער ער האט זיך נישט געוואלט פטר'ן פון מנחה. ער האט אראפגעלייגט זיינע הוטן און איז געלאפן זוכן א מנין צו דאווענען מנחה.

ווען ער איז צוריקגעקומען פונעם דאווענען, האט ער געטראפן די הוטן אויף זייער ארט. טאקע אויף זייער פלאץ, אבער זייער אויסזען האט זיך שוין אביסל געטוישט. אינדערצייט וואס ער האט געדאווענט מנחה, האט זיך אראפגעלאזט א רעגן, און די הוטן וואס זענען געלעגן אַן א צודעק, זענען דורכגעווייקט געווארן.

שטעלט אייך פאר וויאזוי ר' זונדל האט זיך יעצט געשפירט... וויפיל האט ער זיך אנגעשטרענגט ביז ער האט פארשאפט געלט צו קויפן די הוטן, און ביז ער איז געפארן צום מארק... און יעצט, נישט נאר וואס ער האט נישט פארקויפט אפילו איין הוט, זענען זיינע הוטן קאליע געווארן און ער איז געבליבן אָן גארנישט.

ער האט זיך גוט ארומגעקוקט. די מארק האט זיך שנעל אויסגעליידיגט. עס האט נישט קיין זין צו שטיין אינעם רעגן, האבן די אנדערע סוחרים באשלאסן און האבן זיך שנעל איינגעפאקט זייערע פעק און זיך געגרייט אהיימצופארן. ר' זונדל האט באשלאסן צוריקצוגיין צו זיך אהיים. ער האט זיך פארגעשטעלט דעם אויפנאמע ביי אים אינדערהיים און ער האט זיך געשפירט זייער שלעכט. ווי שטארק זיי ווארטן נעבעך ער זאל זיך שוין אומקערן.

ער איז געשטאנען און געווארט אויף א וואגן וואס זאל דורכפארן און אים אהיימנעמען, ווען ער האט פלוצלינג געהערט ווי איינער רופט אים. ר' זונדל האט זיך אויסגעדרייט און געזען א פרעמדן מאן, א גוי, זוכט צווישן זיינע הוטן. "איך דארף דעם הוט," האט דער גוי געזאגט, און ארויסגעצויגן פונעם גרויסן הויפן, א הוט געמאכט פון פעל.

"זייער גערן," האט ר' זונדל געזאגט, און געבעטן דעם באשטימטן פרייז. דער גוי האט געוואלט באצאלן, ער האט געזוכט אין זיין טאש און געזען אז זיין בערזל איז נישטא.

"אויווי," האט דער קונד געזאגט. "מיין בערזל איז נישט מיט מיר. ווארט דא און איך וועל גיין זוכן מיין געלט." ער האט אבער נישט געטראפן דאס געלט, און דער גוי האט געבעטן ר' זונדל זאל אים ווארטן. "איך וועל אהיימגיין ברענגען דאס געלט," האט ער צוגעזאגט. "אבער דו - ווארט מיר דא."

"איך וועל ווארטן נאר ביז עס קומט אָן א וואגן וואס פארט צום דארף וואו איך וואוין," האט ר' זונדל געזאגט, און דער גוי איז שנעל אהיימגעלאפן. עס איז אריבער א קורצע צייט און א וואגן וואס פארט צו זיין דערפל איז אנגעקומען. ר' זונדל האט נישט געווארט פאר'ן גוי. ער האט אנגעלאדנט זיינע אומגליקליכע הוטן, און איז ארויף אויפ'ן וואגן - אין וועג אהיים.

*

עס איז אים נישט באקוועם געווען אנצוקומען אינדערהיים און אלעמען אנטוישן, אבער ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה. ער איז אריינגעגאנגען אין הויז און האט אנגעהויבן אפצולאדענען זיינע פעקלעך, ווען ער האט געטראפן אונטער די אלע הוטן - א בערזל.

"די בערזל פון יענעם גוי," האט ר' זונדל זיך באלד געכאפט. צוריקגעבן די אבידה פאר'ן גוי קען ער נישט, און ער איז ניטאמאל מחוייב. ער האט אפילו נישט געוואוסט וויאזוי דער גוי הייסט... (ווען עס וואלט געווען א איד, וואלט די הלכה אנדערש געווען, ווי איר פארשטייט געוויס.)

זיין פרוי האט געעפנט די בערזל און זי האט כמעט גע'חלש'ט. א טייערער שטיין האט געשיינט פאר איר. ר' זונדל האט אויסגעליידיגט דעם בערזל און ער האט זיך איבערצייגט אז עס איז אנגעקומען צו אים אַן אוצר איבער וועלכן ער האט זיך קיינמאל נישט גע'חלומ'ט. ער איז רייך געווארן!

און אלעס אין זכות פון היטן אויף דאווענען מיט מנין. ווען ער וואלט נישט געלאפן דאווענען און געבליבן שטיין ביי זיינע היטן, וואלט ער מעגליך פארקויפט עטליכע הוטן. אבער נאכדעם וואס ער האט מקפיד געווען אויף דאווענען האט ער זוכה געווען צו דעם גרויסן פארדינסט.

זינט דאן האט ער זיך געפירט צו טיילן צדקה מיט א ברייטע האנט. גייט צוריק צום אנהויב פונעם מעשה, אויב איר האט שוין פארגעסן וויאזוי ער פלעגט טיילן צדקה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

וואס האט פאסירט ביים אומגלויבליכן באזוך צווישן דער בעלזער רב און דער גוי'אישער פרינץ וועלכער איז געקומען אים באזוכן אין... ראש השנה

# וישמעו רחוקים ויבואו

## א גוי'אישער פרינץ באזוכט דעם בעלזער רב - אין דעם הייליגן יום הדין

**דער פרינץ פיטער באזוכט ביים הייליגן בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן זיע"א און פארברענגט מיט'ן רבי'ן פאר א ווייל. נאכדעם וואס דער רבי גייט צוריק אויף א "ביקור גומלין", גייט דער רבי ארויס צו "תשליך" מיט'ן גאנצן ציבור. דער פרינץ האט געוואלט מאכן תשליך, אבער עס איז געווען צו טונקל פאר א בילד.**

### אַן עת רצון פאר אידן

די ענדע פון זיין באזוך וויל דער פרינץ באצייכענען אין זיין טאג-בוך, אראפמאלנדיג דעם מעמד פון תשליך:

*"עס איז נישט געבליבן צופיל צייט צו פארברענגען, ווייל אינדרויסן פון הויז האבן אים אפגעווארט פופצן טויזנט מענטשן, וועלכע זענען געקומען פון אלע עקן וועלט. דער רבי האט זיי געשאנקען זיין הארציגע ברכה לכבוד דעם נייעם יאר. נאר נאכדעם וואס מיר זענען געשטאנען ביים פענסטער, און געקוקט איבער דעם קילאמעטער-און-א-האלב מענטשן וועלכע זענען דארט געשטאנען, געהייליגט און געבענטשט צו ווערן דורך די הייליגע וואסער, האבן מיר אנגעהויבן מאכן אונזער וועג אהיים."*

א שאד אז די פאטאגראפיע-מאשינדל פונעם פרינץ האט נישט געקענט פאטאגראפירן אין די טונקל, ווייל ווען יא וואלטן מיר מעגליך געהאט א זעלטענער עדות פון יענעם געהויבענעם תשליך מעמד.

די פראגע, אנדעם וואס עס זאל געפרעגט ווערן, האט געשוועבט אין די לופט. פארוואס האט דער בעלזער רב מסכים געווען אויפצונעמען א גוי, אינעם הייליגן טאג פונעם יום הדין? אבער חסידים ווייסן אז מען פרעגט נישט נאך א רבי'ן, ווייל יעדע ריר זיינע איז מיט א חשבון.

די וואונדער האט נישט לאנג אנגעהאלטן. ביים הייליגן יו"ט טיש, האט דער רבי געזאגט די פאלגענדע ווערטער:

דער פסוק זאגט (ויקרא כב/כה) "ומיד בן נכר לא תקריבו את לחם אלוקיכם מכל אלה כי משחתם בהם מום בם לא ירצו לכם", און רש"י ערקלערט: "לא ירצו לכם" - "לכפר עליכם". לכאורה איז דאס נישט פארשטענדליך, ווייל דער פסוק רעדט דאך פון א קרבן וואס א גוי האט געברענגט. וואס איז דעמאלטס געווען די הוה-אמינא אז די קרבנות פון די גויים זאל אויף אונז פארגעבן?

דעם קושיא האט דער רבי פארענטפערט, נאכזאגנדיג א ווארט פון זיין פאטער, הרה"ק רבי ישכר דוב זיע"א, וועלכער האט געפרעגט: פארוואס האט מען בכלל אנגענומען קרבנות פון די גויים? האט ער דאס פארענטפערט לויט ווי דער "גרויסער מגיד" פון מעזריטש האט ערקלערט דעם מאמר חז"ל: "מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה", ווי א רמז אויפ'ן אידישן פאלק אין קאנטראסט מיט די אנדערע פעלקער, ווייל דאס אידישע פאלק ציילט די חדשים לויט די לבנה, און די גוי'אישע פעלקער ציילן די יאר לויט די טעג פון די זון.

א איד, אויך אין די נידעריגסטע מצב, איז נאכאלץ העכער ווי דעם גוי, האט דער "גרויסער מגיד" געזאגט, און דעריבער האט די זון קיינמאל נישט געזען די פגם פון די לבנה. דער גוי וועט קיינמאל נישט זוכה זיין צו זען די נידעריגקייט פונעם איד, ווייל דער איד, אויך אין זיין נידעריגסטן מצב, געפונט זיך אין פיל א העכערע מדריגה ווי דער גוי.

דערפאר, האט דער צדיק רבי ישכר דוב פון בעלזא ערקלערט, נעמט מען אָן קרבנות אויך פון גויים, אז ווען א איד קומט מקריב זיין זיינע קרבנות און זיין תשובה איז נאכנישט בשלימות, דערמאנט מען אויך די קרבנות פון די גויים, און קעגן די גויים איז דאך יעדער איד מער מושלם און בעסער. ווייל דער גאנצער ציל פונעם ברענגען א קרבן איז, גורם צו זיין דער מענטש זאל תשובה טון, דורכדעם וואס ער וועט זיך מתבונן זיין אין דעם וואס מען שעכט דעם קרבן און ער וועט פארשטיין אז דאס אלעס האט מען מיט אים געדארפט טון.

לויט דעם הקדמה האט דער רבי ערקלערט וואס רש"י וויל אונז זאגן: "לא ירצו לכם - לכפר עליכם", ווייל דאס איז טאקע דער אמת: די קרבנות פון די גויים זיי זענען גורם אז די אידישע עבירות זאלן פארגעבן ווערן, און זייערע קרבנות זאלן ארויפגיין לרצון פאר'ן הייליגן באשעפער, ווייל אין הימל ווען מען זעט די צובראכענע הארץ פונעם איד, קעגן דעם גרויסהאלטערישן הארץ פונעם גוי, דאן ווערן אלע קטרוגים צושטערט, און דער הייליגער באשעפער איז מוחל די עוונות פון די אידן.

און דאן האט דער רבי געזאגט די פאלגענדע ווערטער: "אזוי אויך, אין דעם יום הדין, ווען עס קומען צו אונז אזעלכע גויים, 'די שענסטע פון זיי', און מען זעט זייער גאוה, און קעגנדעם זעט מען די צובראכנקייט פונעם אויסדערוועלטן פאלק, איז עס א ריכטיגער עת רצון פאר די אידן, און די אידישע תפילות גייען ארויף לרצון פאר'ן אדון כל און פארגעבן אויף זיי, און עס ווערן נמשך אויף אונז חסדים און רחמים."

### דער נס הצלה

ווידער האט זיך ארויסגעצייגט אז דער הייליגער רבי האט געוואלט מלמד זכות זיין אויף די אידישע קינדער און פועל'ן פאר זיי ישועות און רפואות.

אויך צומארגנס, אין טאג פון צום גדלי', האט דער רבי זיך באצויגן צו יענעם באזוך. די קומענדיגע שטיקל ווערט געברענגט אינעם ספר "ליקוטי אברהם":

דער בעלזער רב זי"ע האט געפרעגט פון ר' נפתלי [דער בעלזער] דיין: "וואס זאגט איר אויף די גוי'אישע געסט פון נעכטן?" און דער רבי האט דערציילט, אז ווען זיין טאטע איז אמאל געווען צוגאסט אין א געוויסער שטאט אויף שבת קודש, זענען צווישן די אריינקומער געווען אויך גויים, וועלכע האבן געוואלט אריינגיין מיט קוויטלעך. אבער די גבאים האבן זיי אוועקגעשטופט און נישט ערלויבט אריינצוגיין. די גויים האבן נישט נאכגעגעבן און מיט זייער גאנצער כח זיך געשטופט צו קענען אריינגיין. ווען דער בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זיע"א האט דאס געהערט, האט ער זיך אויסגעדריקט מיט דעם לשון: "ווען גויים שטויסן, מוז מען זיי אריינלאזן. ווייל ווען גויים פראוון זיך, ווערן אידן געהאלפן!" דער צדיק רבי אהרן האט עטליכע מאל איבערגעזאגט די דאזיגע ווערטער.

מיט יארן שפעטער, אין די מלחמה-יארן, ווען די חסידים האבן געדארפט הילף ארויסצוברענגען דעם רבי'ן פון אייראפע, האט איינער פון די חסידים אויפגעזוכט דעם פרינץ און געבעטן פון אים הילף אויף צו באקומען די ערלויבעניש ארויסצוברענגען דעם רבי'ן. דער פרינץ האט טאקע שטארק ארויסגעהאלפן דעם רבי'נס ארויסגיין קיין ארץ ישראל.

אינעם ארטיקל וואו עס איז באשריבן געווארן דער באזוך, אינעם לבוב'ישער צייטשריפט "דער נייער מארגן", האט זיך אנגעהויבן די נייעס מיט די פאלגענדע ווערטער:

"בעלזא האט דעם ראש השנה אויפגענומען קעניגליכע געסט. דוכט זיך, אז זינט זיי עקזיסטירן אלס הויף, זענען נאכנישט געקומען אהין אויף יום טוב אזעלכע 'חסידים'..."

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

## א געדאנק אויף די פרשה

**מדה פון די פרשה**
**זיכוי הרבים**

# דערנענטערן ווייטע און מזכה זיין דעם רבים מיט תורה און מצוות

ערציילונג איבער דער סבא פון סלאבודקע זצ"ל

**לו חכמה ישכילו זאת יבינו לאחריתם.** (לב/כט).

*זאגן די הייליגע חז"ל (אין ספרי):* ***ווען די אידן וואלטן געקוקט אויף די דברי תורה וואס מען האט זיי געגעבן, וואלט קיין שום פאלק נישט געקענט געוועלטיגן איבער זיי. און וואס האב איך זיי געזאגט? נעמטס אויף זיך דעם עול מלכות שמים און זייטס אייך מכניע איינער פאר'ן צווייטן מיט יראת שמים און פירט זיך איינער מיט'ן אנדערן מיט גמילות חסדים.*** *און אין ירושלמי (פאה פ"א ה"א) דרש'ענען חז"ל אינעם פסוק* ***"כי לא דבר רק הוא מכם" - דאס איז תלמוד תורה, "ובדבר הזה תאריכו ימים" - דאס איז גמילות חסדים.***

*איינע פון די עיקרי התשובה - שרייבט דער רבינו יונה ז"ל (שערי תשובה שער ראשון, מז) איז* ***נאכצולויפן צו טון חסד מיט אנדערע****, און שלמה המלך זאגט אין משלי, אז* ***עס זענען דא עבירות וואס תשובה און יום כיפור קענען נישט אפמעקן, און נאר דורך יסורים ווערט דאס פארגעבן. אבער אויב טוט מען חסד מיט אידן, וועט די חסד באשיצן אויפ'ן זינדיגער און אים אפהיטן פון די יסורים.***

ווען דער גאון רבי נתן צבי פינקל - דער סבא פון סלאבודקע זצ"ל איז קראנק געווארן, האט ער איבערגעגעבן זיין נאמען פאר די צדיקי הדור, אז זיי זאלן דאווענען פאר אים. אין צוגאב צו דעם האט ער געבעטן, אז זיי זאלן זיך ווענדן צום אפטייקער פון שטאט, אז אויך ער זאל דאווענען פאר אים...

צו די וואונדער פון די מקורבים, האט ער זיי ערקלערט: "ווען איינער וואס טוט חסד פאר אנדערע איז מתפלל צום אייבערשטן - זאגן די הייליגע חז"ל - ווערט זיין תפילה אנגענומען אין הימל! דער אפטייקער טוט טאקע זיין ארבעט כדי צו פארדינען געלט, אבער למעשה טוט ער א געוואלדיגע חסד מיט'ן ציבור, און דעריבער ווערט זיין תפילה אויסגעהערט."

מען האט אמאל געפרעגט דעם גורער רבי'ן דער חידושי הרי"ם זצ"ל, וויאזוי אזא גרויסער גאון און צדיק ווי ער, וואס האט אזויפיל ארבעט אין עבודת השם, קען אוועקגעבן שעות אויף שעות אויסצוהערן זיינע חסידים, זיי צו געבן עצות און אנווייזן וויאזוי זיך צו פירן?

האט דער רבי געענטפערט: "עס שטייט 'כי אין מחסור ליראיו', עס פעלט גארנישט פאר די וואס פירן זיך וויאזוי דער אייבערשטער וויל, אפילו צייט פעלט זיי נישט..."

אין אַן אנדערע געלעגנהייט האט ער זיי געענטפערט: "ביי די ברכות אין די תורה שטייט 'ופניתי עליכם' (ויקרא כו/ט), ופנית"י איז א לשון פון פנאי", דאס איז א ברכה, אז דער באשעפער וועט אונז געבן צייט."

## צדיקים און חסידים ימים נוראים

הרה"ק רבי בנציון האלבערשטאם, דער באבובער רב זצ"ל הי"ד, האט דערציילט, אז א דארפסמאן איז אמאל געקומען צו לויפן אין שול צום שינאווער רב ווען ער האט געהאלטן אינמיטן תפילת שחרית, מזכיר זיין די קו וואס דארף זיך קעלבן. א קו אין יענע צייטן, פאר אַן ארעמען דארפסמאן, איז ווערד געווען א פארמעגן, און אז ס'האט עפעס פאסירט מיט איר האט ער געקענט האבן א גרויסע שאדן.

דער שינאווער רב האט דאן פונקט געהאלטן ביי די ווערטער "הנורא בנוראותיך", און ער האט אויסגעשריגן די ווערטער מיט א געוואלדיגער התלהבות. הערנדיג דעם מעכטיגן געשריי, האט דער דארפסמאן אינגאנצן פארגעסן פון זיין קו, און ער איז געווארן א בעל תשובה גמור.

"היינט," האט דער באבובער רב צוגעגעבן, "קומט מען צום רבי'ן, און די קו קעלבט זיך טאקע, אבער דעם 'הנורא בנוראותיך' הערט מען שוין נישט..."

ערב יום הקדוש זענען געקומען הונדערטער שאלות פון די כפרות צום פראנקפורטער רב רבי אביש'ל זצ"ל, אויף אלעס האט דער רב גע'פסק'נט אז עס איז כשר. ווען די דיינים האבן זיך געוואונדערט דערויף, האט רבי אביש'ל זיי ערקלערט אז ווער עס פסק'נט אויף א כשר'ן עוף אז ס'איז טריפה, איז דאס אַן עבירה שבין אדם לחבירו, ער האט דאך שאדן געמאכט זיין חבר'ס געלט, און יום כיפור איז נישט מכפר דערויף. אבער ווען מען פסק'נט אויף א טריפה'נעם עוף אז ס'איז כשר, דאן איז דאס פון די עבירות שבין אדם למקום, וואס יום הכיפורים איז דערויף מכפר.

"פונדעסטוועגן," האט ער זיי בארואיגט, "זארגט אייך נישט, איך האב אלעס גע'פסק'נט לויט'ן דין."

דער ספינקער רבי זצ"ל איז שטארק נזהר געווען ווען ער איז געקומען צו א שמחה טועם צו זיין עפעס, כדי דערמיט מהנה צו זיין דעם בעל שמחה. אפילו אויב די שמחה איז פארגעקומען אין די סליחות טעג אדער אין די עשרת ימי תשובה ווען ער האט געפאסט, האט ער לכבוד דעם בעל שמחה געגעסן.

ווען ער איז געקומען צו א שמחה, און ער האט מיטגעברענגט פון שטוב זיין אייגענע פלייש, האט ער אבער קודם זיך אינטערעסירט וויאזוי דאס פלייש ווערט געקאכט אויף די שמחה, כדי זיין פלייש זאל מען אויך קאכן אויפ'ן זעלבן אופן, עס זאל אויסקוקן דאס זעלבע, מען זאל נישט באמערקן אז דער ספינקער רבי האט מיטגעברענגט זיין אייגענע פלייש און זיך נישט פארלאזט אויפ'ן כשרות פונעם בעל-הבית.

## מה רבו מעשיך השם עסן

די מקומות וואו די לופט איז זייער פייכט פון די וואסערן, פירן זיך מענטשן צו עסן מיט זייערע מאכלים פילע ביטערע זאכן פון גראזן און ירקות וכדו'. אפילו ווער ס'פארמאגט נישט מער ווי ברויט, מוז האבן די ביטערע צוגעהערן, ווייל דאס איז א רפואה פאר די לופט. (אבן עזרא, שמות יב/ח)

דער דרך הטבע איז אז ווען ס'פעלט דעם מענטש וואסער צו טרינקען שפירן עס אלע אינערליכע אברים און זענען נישט אין א גוטן מצב. (משנה למלך, בשלח)

## והייתם סגול"ה פארשידנס

**מאכלי שבת:** הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זצ"ל האט געזאגט, אז שבת'דיגע מאכלים מאכן נישט קאליע דעם מאגן, נאר די וואכנדיגע מאכלים פארדארבן עס.

ווייל די שבת'דיגע מאכלים האבן א כח צו שפייזן דעם מענטש אויף נאך א טאג-צוויי, דעריבער דאס וואס מען עסט זיך איבער זונטאג אדער מאנטאג, ווערט פון דעם קאליע דער מאגן, ווייל ער איז שוין זאט פונעם שבת. (חידושי מהריא"ל עדעלין, נדרים מט:)

## שיחתן של צדיקים

**הרה"ק רבי מנחם מענדיל פון קאצק זיע"א האט געזאגט:**

"ווען דער באשעפער וואלט דיר געוויזן דיין אמת'ער פרצוף, וואלסטו נישט געקענט עקזיסטירן אפילו פאר איין שעה."

להשיג או לנדב הגליון נא להתקשר לוועלוול שמעלצער שי', 845.596.8263.
הארות והערות נא לשלוח להכתובת Z. S., 15 Neil Rd. #101, Spring Valley NY 10977 או להפאקס: 845.230.8716.